STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12867

SHNEYERS

E. V. Aleksandrova

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12867-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657128678T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

די שנייערס

ווייסרוסל. מעלוכע פארלאג

ש נ יי ע ר ס

אוּן אנדערע מאַיסעלעך

געזאַמלט און באַאַרבעט—
ע. אַלעקסאַנדראָווע, ט. בענסמאַן

הילע און צייכענונגען — א. מילטשין

ווייסרוסלענדישער מעלוכע־פֿאַרלאַג
מינסק — 1929

אינהאַלט

	זייט
שנייערס	3
שווימער	8
אַ מאָדנע הינדעלע	11
שפּערעלע	15
הונגעריקע פייגעלעך	20

מינסק, דרוקעריי פון ווייסרוסלענדישן מעלוכע-פאַרלאַג. גלאַוליטבעל 348 באַשט. 129 טיראַזש 2000

די שנייערס

זײַנען געקומען צופֿליִען איִן סאָד דער רויטבײַכיִקער שנייער און דיֵ גראָביִנקע שנייעריִכע, אַוועקגעזעצט זיך אַף אַ בעראָזע, אַרומגעקוקט זיִך.

זאָגט שנייעריִכע צו שנייערן:

— לאָמיִר, שנייער, לעבן דאָ איִן סאָד, מיִרן זיִך דאָ אַ נעסט בויען, שנייערלעך אויסהאָדעווען.

— גוט, גוט, שנייעריִכע, לאָמיִר דאָס טאַקע טאָן,—ענט-פֿערט שנייער.

און דיֵ שנייערס האָבן גאָרניִט געזען, אַז אונטער יענער בעראָזע האָט זיִך באַהאַלטן אַ קאַץ.

האָט זיך די קאַץ צום שמועס צוגעהערט און באַ זיך געטראַכט: „וואַרט זשע, נאַראָנים! וואָינט זיך טאַקע באַ מיר אין סאָד. און איך וועל קומען, דעם נעסט אופֿזוכן און אייערע שנייערלעך אופֿעסן.

באַלעקט זיך—און הוש אין די קוסטעס.

און די שנייערס האָבן זיך גענומען בויען אַ נעסט.

אָנגעשלעפּט דינע ריטעלעך, וואָרצעלעך, אויסגעפֿלאָכטן וועגטעלעך. צוגעפּוצט זיי מיט בעראָזאָווע הייטלעך און ווייסן מאָך, מע זאָל ניט קענען דאָס נעסטעלע דערקענען אַף דער ווייסער בעראָזע.

און אינעווייניק האָבן זיי אויסגעבעט דאָס נעסטל מיט פּוך, וואָל און פֿערדישע האָר.

און שנייעריכע האָט זיך גענומען לייגן אייעלעך אין נעסט.

אַ טאָג—אַן איי, אַ טאָג—אַן איי. אַפֿן פֿינפֿטן טאָג דאָס לעצטע אייעלע געלייגט.

די אייעלעך—אַלע, ווי איינע: ווי אַ נוס די גרויס, בלויע, אין גראָע פֿלעקן.

שנייעריכע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין נעסט, פֿאַנאַנ־דערגעלאָזן די פֿעדערן, זיצט, וואַרעמט די אייעלעך. און דער

שנייער טראָגט איר קערנדלעך, זיצט אַף אַ צווייג און היט און זינגט אַ לידל:

„איך האָב מיר אַף דער בעראָזע
אַ שטיבל געפלאָכטן;
ריטעלעך—ווענטעלעך
מיט פוך אויסגעבעט.
וואָס בויגסטו, ווינטעלע, די צווייג?
אין נעסטעלע אייער פינף שטיק.
שנייעריכע דאַרף זיי לאַנג וואַרעמען.
איך האָב ניט וואָס צו טאָן.
איך וועל זינגען.

זיצט שנייעריכע איין וואָך, זיצט די צווייטע.

אַף דער דריטער וואָך האָבן די שאָלעכצלעך געקלאַפּט, די אייער צושפּאָלטן זיך.

שנייעריכע איז אַראָפּגעשפּרונגען, זי זעט אין נעסט ריען זיך פינף קליינינקע פייגעלעך.

דערפרייט זיך, דעם שנייער גערופן.

און מע האָט זיך ביידע גענומען געבן עסן די אויפּע-לעך, און די שנייערלעך וואַקסן פון שאָ צו שאָ.

די קאַץ גייט שוין לאַנג אַרום איבערן סאַד, זוכט דאָס נעסטעלע. זי הערט, ווי די שנייערלעך פּישטשען און קען דעם נעסט ניט געפינען.

אַמאָל זיינען טאַטע-שנייער און מאַמע-שנייעריכע אַוועק-
געפֿלויגן קריגן וואָס צום עסן. און די שנייערלעך האָבן זיך



צושטיפּט, צעשלאָגן זיך, געפּישטשעט, געשטופּט זיך — און
דעם קלענסטן פֿון נעסטל אַרויסגעשטופּט.

און די קאַץ זיצט אונטערן בוים,
אינמיטן דערינען — שליאָפּ! — פֿון בוים אַ שנייערל
אַראָפּגעפֿאַלן.

אַהאָ! — טראַכט זיך די קאַץ, — איינעם געפּאַקט! און שוין
גאָר געוואָלט כאַפּן אים — אַז דער שנייערל גיט דאָס אַ פּישטש!

און שנייער מיט שנייעריכן זיינען גלייך דאָ, ווי פון אונ-
טער דער ערד.

איז שנייער אַרופגעפאַלן אַף דער קאַץ—אַ פּיק מיטן שנאָבל אין רוקן!

די קאַץ—נאָך אים.

איז זיך שנייעריכע דערווײלע צוגעפלויגן, געכאַפּט דעם שנייערל און—אַפן בוים. די קאַץ האָט זיך אַרומגעקוקט— ניטאָ קיין שנייער, ניטאָ קיין שנייערל.

און אַז די קאַץ איז געקומען נאָכאַמאָל אין סאָד, האָבן שוין די שנייערלעך אַליין געקענט פליען. און זיי זיינען מיט טאַטע-מאַמע אין וואַלד אַוועקגעפלויגן.



שווימער

אַף אַ גרויסן הויף מיִט אַסאַך אויפעס—היִנער, גענדז און ענטלעך—האָבן אַמאָל־געוואָינט דריי היִנדעלעך. אַז זיי האָבן זיִך נאָך ערשט אויסגעפּיִקעט פון דיִ אייעלעך, האָט זיי דיִ מאַמע זייערע אַוועקגעפּיִרט באַווייזן דעם גאַנצן הויף.



אַפן הויף איִן קאַנאַווע האָט געשווומען אַן ענטל מיִט ענטעלעך. דיִ ענטעלעך האָבן געשווומען, געטוּקט זיִך און שטאָרק פאַריִסן דיִ קעפּלעך.

— דאס איז דאך גאראניט אזוי שווער—האט א געשריי געטאן א הענדל.

— נו, פרווו זיך!—האבן אים די ענטלעך געפישטשעט.

דער הענדעלע האט זיך אראפגעלאזן צום וואסער, ארייגעשטעלט א פיסל—בררר, קאלט! די הון האט אופגעהויבן א געפילדער—קוד-קודאך! קוד-קודאך!



פון דעמלט אן האבן די הינדעלעך געהאלטן אין איין טראכטן, ווי לאזט מען זיך אראפ אין וואסער. ס'האט זיך זיי זייער געוואלט שווימען.

איינמאל באנאכט האט זיך אופגעהויבן א שטארקער ווינט, ער האט אוש די דעכער געריסן. די טיר פון הינטערשטאל האט זיך געעפנט. די הינער האבן זיך צושראקן און צולאפן זיך אין אלע זייטן—מע האט איינער דעם אנדערן

פֿאַרקאַרן. די קאַטשקע איז אַרויס פֿון די ברעגעס און האָט פֿאַרפֿלייצט דעם הויף.

אונטערפֿרי האָבן די הינדעלעך דערזען, אַז אַרום זיי איז פֿול מיט וואַסער, און אַז זיי אַליין זיצן אין דעם באַלעבאָס גרויסע שיסל, פּונקט ווי אויף אַ שיף. און די הינדעלעך זיינען געווען שטאָלץ—זעט איר, מיר שווימען אויך!—

און דער העגעלע איז אַרויפֿגעפֿלויגן אויפֿן ברעג פֿון שיסל און האָט שטאָלץ אויסגעזונגען אַזוי הויך, ווי ער האָט נאָר געקענט:

— קו-קו-רע-קו! מיר שווימען אויך!



אַ מאָדנע הינדעלע



א.ח.

ווען איִך בּיִן געווען אַ קלייניִנקע, פֿלעג איִך ראַק בעטי דיִ מאַמע, זיִ זאָל מיִר שענקען לעבעדיִקע היִנדעלעך.

איינמאָל דערלאַנגט מיִר דיִ מאַמע אַ קערבּל, אַן אויס-געבעטע מיִט היי, און זאָגט: „ראָכעלע, נעם איִן אַלמער דרייצן אייער און לייג זיי אַריין איִן קערבּל; מיִר וועלן אונדזער קוואָקע זעצן אַף דיִ אייער, וועט זיִ אויסזיִצן היִנ-דעלעך, און דיִ היִנדעלעך וועלן זיין דייִנע אייגענע, דו וועסט זיי היִטן און עסן געבּן“.

איִך האָב גענומען 13 אייער איִן אַלמער און צולייגט איִן קערבּל, איִך האָב געוואָלט שוין פֿאַרמאַכן דעם אַלמער, ערשט איִך דערזע איִן אַ שיִסעלע ליִגן קלייניִנקע, גריִנע אייעלעך, איך האָב גענומען איין גרינע אייעלע און אויך אַריינגעלייגט איִן קערבּל.

דיִ מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט דיִ קערבל איִן קיִך אונ-
טערן בעט און געזעצט קוואקען אַף דיִ אייער. קוואקע איִז

געזעסן און געוואַרעמט דיִ אייער; זיִ פֿלעגט נאָר אַראָפּגיין
אַ פּיִק טאָן ברעקעלעך, קערעלעך, א זופּ טאָן וואסער און
גלייך צוריִק. קוואָקע פֿלעגט ניִט לאָזן צום קערבל צוריִרן זיִך.
פֿלעגט זיִך פּיִקן און קוואָקטשען, אז מע פֿלעגט צוגיין נאָענט.

איִן 3 וואָכן ארום זיינען פֿון דיִ אייער אַרויסגעקראָכן
היִנדעלעך. שפּעטער פֿון אלעמען איִז ארויס דיִ היִנדעלע

פֿון דער גריבינקער אייעלע און עפּעס אַ מאָדנע איז זי גע-
ווען—אַ געלינקע, אַ פּוכיקע, מיט קורצע פֿיסלעך און אַ ברייטן,
פּלאַציקן נעזל.

ווען די הינדעלעך זייַנען אונטערגעוואַקסן, האָבן מיר זיי אַרויסגעלאָזן מיט קוואָקען אויפֿן הויף. זייער מאַמע האָט זיי געלערנט זוכן ווערימלעך, זוכן ברעקעלעך און געפֿירט זיי צום טייַכל, וווּ ס'זייַנען געווען אַסאַך ווערימלעך.

איינמאָל זע איך, ווי קוואָקע פֿירט די קינדערלעך זוכן עסן, ווי נאָר זיי זייַנען צוגעגאַנגען נאָענט צום טייַכל, האָט



די קורצפּיסיקע הינדעלע אַ פֿלי געטאָן און האָפּ!—אין וואַ-

סער אַריין. קוואַקע האָט גענומען קוואַקטשען, מאַכן מיט די פליגעלעך, וואַרפן זיך צום וואַסער. די הינדעלעך פּיש־טשען, פליען אַרום, ווילן ראַטעווען זייער שוועסטערל און זי, ווי ניט איר מיינט מען, שווימט פריילעך איבערן וואַסער און שאַרט מיט אירע ברייטע לאַפּקעלעך.—אויפן טומל איז אַרויס מיין מאַמע פון שטוב.

— זע, דאָס איז דאָך אַן ענטעלע, ווי אַזוי קומט זי אַהער?

איך האָב זיך דערמאָנט אַן דער גריבינקער אייעלע, וואָס איך האָב אונטערגעלייגט אונטער קוואָקען און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַן ענטלשע איי.

פון דאַמאָלסט אָן פלעגט די ענטעלע אַלע טאָג שווימען אין טייכל, און קוואַקע האָט זיך צוגעוואוינט דערצו.



אַ ייִנגעלע אַ שטיִפּער האָט אַרויסגענומען אַן אייעלע באַ אַ שפּערעלע פֿון נעסט און אַריִבערגעלייגט איִן נעסט צו אַ האָבערל. דאָס האָבערל האָט אויסגעזעסן קיִנדערלעך. די איִגענע זיינען געווען גראָביִנקע מיִט געלע בייכעלעך, און דער פּרעמדער—אַ גראָביִנקער מיִט אַ ברוינעם קעפּעלע.

— וואָס איִז דאָס באַ מיִר פֿאַר אַ נעס?—האָט זיך געוואונדערט דאָס האָבערל.

די איִגענע קיִנדערלעך האָבן געשריִען: טי-טי, און דער פּרעמדער: טשיִק-טשיִק.

— דאָס איז דאָך גאָר אַ שפּערעלע! — האָט זיך געכאַפּט האָבערל — דאָס האָט מיר עמיצער אַ פרעמדע אייעלע אַריינ-געלייגט.

אַז באַ דעם שפּערעלע זיינען אויסגעוואַקסן פליגעלעך, האָט אים דאָס האָבערל געזאָגט:

— דו ביסט ניט אונדזערער, דו ביסט אַ פרעמדער. פלי צו דיינע קרויוים.

— און וווּ זיינען זיי, מיינע קרויווים? איך קען דאָך זיי ניט — האָט שפּערעלע געענטפערט.

— דו פרעג זיך נאָך, — האָט אים דאָס האָבערל געלערנט, — מיט אַ צונג וועסטו שוין ניט פאַרפאַלן ווערן. דו הער זיך צו, און אז מע וועט דיר ענטפערן: טשיק-טשיריק, וועלן דאָס זיין דיינע קרויווים. מיר, האָבערלעך, לעבן אין וואַלד, און דיינע קרויווים לעבן נאָענטער צום שטוב, צו די מענטשן.

איז שפּערעלע אַוועקגעפלויגן זוכן זיינע קרויווים. געקו-מען אין דאָרף געזעצט זיך אויף אַן אַלטן בוים ערגעץ נעבן אַ שטוב און אַ טראַכט געטאָן — עפּשער לעבן דאָס דאָ מיינע קרויווים?

און שפּערעלע האָט אַריינגעקוקט איז לאָך פון בוים.

— קראַ-קראַ! — האָט זיך דערהערט פון לאָך אַ צוקאַעס-טער קאָל.

— ניין, דאָס זיינען ניט מיינע קרויווים, — האָט שפּערעלע אַ טראַכט געטאָן און איז אַריבערגעפלויגן פון בוים אַפן הונטס שטיבעלע.

— עפּשער דאָ? טשיִק!—האָט ער אַריינגעקוקט איִן שטיִ-
בעלע.

— האוו-האוו!—האָט איִם געענטפערט דער הונט.

— דאָ אויך ניִט,—האט באשלאסן שפערלע און איִז
אריִבערגעפלויגן אפן שטעלכל.



— טשיִק-טשיִריִק!—האָט ער אריינגערוקט זיין קעפל איִן שטאל אריין.

— כריו-כריו!—האָט געענטפערט א כאזערל.

— אלץ ניִט מיינע!—שפערעלע איִז געוואָרן טרויעריִק



און איִז אריִבערגעפלויגן אף א קליין שטעלכל. עפשער דאָ?

ער האט אויסגערופן: טשיִק-טשיִריִק!

און פון שטעלכל: בע-ע-ע-ע—האט זיִך צובעקעט א בע-קעלע.

— ניין, דאָס זיינען אלץ ניִט מיינע קרויוויִם!—האט שפערעלע וויִדער א טראכט געטאָן. און גאר א טרויעריִקער איִז ער אוועקגעפלויגן ווייטער. פארפלויגן אפן בוידעם און דערזען דארט א קאץ. דיִ קאץ האט זיִך א ווארף געטאָן אף איִם און געוואלט איִם כאפן. שפערעלע האט זיִך זייער דער-

שראקן, אנגעהויבן ארומפלאטערן אהין און אהער און איז סאפקאלסאף ארויסגעפלויגן דורך א דאכפענצטערל.



שפערעלע איז געקומען צופליען און גאָרטן. און אין גאָרטן איבערן פארקאן, איבער די ביטלעך שפרינגען ארום פייגעלעך און פישטשען.

— טשיק!—האָט שפערעלע אויסגעשריען.

— טשיק-טשיריק!—האָבן געענטפערט די פייגעלעך און האָבן זיך אַזוי פאַנאַנדערגעשריען, אַז דער גאַסט איז אַוש פאַרהילכט געוואָרן.

— געפונען טאקע! אָט זיינען זיי, מיינע קרויווים!—האָט זיך דערפרייט שפערעלע און האָט פריילעך אויסגעשריען:

— טשיק-טשיריק! טשיק-טשיריק!

הונגעריקע פֿייגעלעך

אונטער אַן אַלטן עפּלבוים, אױפֿן װײַסן שניי האָט זיך אױפֿגעקליבן אַ גאַנצע מאַכנע פֿייגעלעך: שפּערעלעך, שנייערס האָבערלעך און בלויערלעך. אױפֿגעקליבן זיך אין אַ קופּע און געטראַכט, וואָס צו טאָן, ווי זאָל מען איבערקומען דעם ווינטער?

דער שניי האָט באַדעקט מיט אַ ווײַסער טוך די גאַנצע ערד, די ביימער, די צווייגן—אַלץ איז קלאָר און שיין. די פֿייגעלעך זיינען אָבער דערמיט ניט צופֿרידן—ניטאָ וווּ צו זיצן, ניטאָ וואָס צו עסן: הונגערן זיי און ציטערן פֿון קעלט.

האָבן זיי זיך צונויפֿגעקליבן און האַלטן אַן אייצע—וואָס זאָל מען טאָן?

— טשיִק-טשיִריִק—הוּנגעריִק!—זאָגט שפּערעלע.

— פּיִן-פּיִן-פּיִן!—ענטפערט שנייערל—מיִר וואָלטן קנאָס־פּעלעך געפּיִקט, זיינען די צווייגעלעך מיִט שניי באַדעקט. שלעכט, שלעכט!

—וואַרט-וואַרט!—זאָגט האָבערל,—באַלד וועט די זוּן אַ וואַרעם טאָן, וועלן מיִר זיִך געפיִנען קערעלעך.

— לאַנג צוּ וואַרטן!—ענטפערט שפּערעלע.

געטראַכט, געטראַכט, גאָרניִט ניִט צוּגעטראַכט.

— הערט נאָר,—זאָגט בלויערל,—איִך וועל אייך אלעמען ראַטעווען. אַ מאַך געטאָן מיִט די פליִגעלעך, צוּ אַ פענצטער צוּגעפלויגן.

טוּק-טוּק-טוּק—איִן שויב. פּיִן-פּיִן-פּיִן! טאַר-טאַר-טאַר!

דאָס ווייסע פֿאָרהאנגעלע אַפֿן פֿענצטער גיט זיִך ניִט קיין ריִר.

בקויערל האָט צוגעוואַרט און־איִבעראַנייס אַ טוק איִן פֿענצטער: פּיִן־פּיִן־פּיִן. טאר־טאַר־טאר—האָט ער נאָך העכער אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

דאָס פֿאָרהאַנגעלע האָט זיִך אופֿגעהויבן, און אַ מיידעלע מיִט שוואַרצע אויגעלעך האָט זיִך באַוויִזן איִן פֿענצטער. די מיידעלע האָט גענומען פּאַטשן מיִט די הענטלעך פֿון פֿאַר־געניִגן.



— לייוויִק, ניאמע — שרייט זי — זעט סארא שייניִנקע פֿייגעלע איִז געקומען צופֿליען!

— שאַ־שאַ—זאָגט לייוויִק,—זי וועט נאָך אַוועקפֿליען.

ביידע ייִנגלעך זיינען געקומען צולויפֿן און האָבן זיך גענומען אַמפּערן.

ביאמע זאָגט:—איך וועל כאַפּן דאָס פֿייגעלע.

— ס'טניט כאַפּן, ס'טניט כאַפּן.—רייצט אים לייוויק.

און בלויערל קלאפט אלץ אין פֿענצטער: פּין-פּין-פּין! טאר-טאר-טאר!

ליבע האָט אַ קוק געטאן דורכן פֿענצטער אין סאד. זי זעט—אפֿן שניי זיצט א גאנצע מאכנע פֿייגעלעך. זיי זיצן הונגעריקע און ווארטן.

— נארישע—זאגט זי צו די ברידער—איידער אמפערן זיך, לאמיר בעסער געבן די פֿייגעלעך עסן. זיי זיינען הונגעריקע און זיי איז קאלט.

— עסן געבן, עסן געבן!—שרייען די ייִנגלעך—אבער ווי?

— איך ווייס ווי צו טאן,—זאגט ליבע—לאמיר ארויסטראגן אין סאד א קעסטל, אוועקשטעלן עס מיטן דעק ארוף און אנשיטן פֿאר די פֿייגעלעך עסן.

די קינדער האבן אזוי געטאן—זיי האבן ארויסגעטראגן אין סאד א קעסטל, אוועקגעשטעלט עס מיטן דעק ארוף און אנגעשאטן פֿאר די פֿייגעלעך אסאך גוטע זאכן: קאנאפליעס, היר, האבער און ברעקלעך אָן א שיר.

אלע דריי זיינען זיי אפגעגאנגען אָנאַזייט און קוקן.

—פּין-פּין-פּין! טאר-טאר-טאר! אהער, אהער! — רופֿט בלויערל.

אלע פֿייגעלעך האבן זיך צונויפֿגעפֿלויגן צום רייכן טיִש און האבן געפּראוועט אן עמעסן יאָנטעוו.

פֿון דעמלט אן האבן שוין די פֿייגעלעך פֿון יענעם הויף ניִט געהאט וועגן וואס צו זארגן. אלע טאג אין דערזעלבי-קער שא פֿלעגן זיי קומען צופֿליִען אפֿן קעסטל, וואס באם פֿענצטער, און פראוועט זייער סודע. וואס ווייטער, פֿלעגן קומען אלץ מער פֿייגעלעך, וואס ווייטער, פֿלעגן זיי זיִנגען אלץ שענער און שענער.

פרייז 30 קאפ.